

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת דברים

# די תורה זים ווי צוקער

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים
כמר **אהרן יודא שלעזינגער** נ"ו
מיט ליבשאפט,
פון דיין טאטע

פרשת דברים

# השגחה פרטית אויפן לאנגן וועג

## 8:00 אינדערפרי אין חדר הויף

"איציק!" איז דודי אנטקעגן געלאפן זיינע חברים, פאכענדיג מיט אן אויסגעשניטענע צייטונג בלאט. "קוק וואס דא טוט זיך! 'גראס אייז קרים' קומט ארויס מיט א נייע טעם לכבוד די ניין טעג!"

וואה!" האט איציק אויסגעשריגן, איבערנעמענדיג די צייטונג בלאט צו ליינען די אדווערטייזמענט פון דער נאנט. "דריי-שטאקיגע-קארעמעל-קוקי-קראנטש-סאפרים מיט עכטע סטראבעריס! דאס יאר וועט זיין די בעסטע ניין טעג פון אלעמאל!"

די צוויי אינגלעך זענען אריין אין כתה נאכאלץ איבערקייענדיג די נייע ערשיינונג פון די געוואלדיגע אייז קרים וואס גייט שוין אט אט זיין צו באקומען אין די געשעפטן. זיי האבן שוין קוים געקענט ווארטן דאס צו פארזוכן.

## אין כתה

"קינדער," האט רבי מייזעלס אנגעהויבן דער טאג, "מיר ווייסן אלע אז די ניין טעג קומט שוין באלד אן, ווען מיר וועלן טרויערן אויפן בית המקדש וואס איז ליידער חרוב געווארן. די ניין טעג זענען זייער חשוב ביי כלל ישראל ווען מיר זענען מתפלל אויף ארץ ישראל און בנין בית המקדש.

יעצט קינדער, איך וויל אז יעדער פון ענק זאלן זיך מתבונן זיין און אריינקלערן וואס עס פעלט אונז דא אין גלות און ווי אזוי עס וועט פארבעסערט ווערן ווען משיח וועט קומען, במהרה בימינו.

די אינגלעך זענען געזעצן שטיל יעדער פארזינקען אין זיינע אייגענע מחשבות אריינקלערנדיג אין רבי מייזעל'ס שאלה.

"נו, ווער האט עפעס מיטצוטיילן מיט די כתה?" האט רבי מייזעלס, נאך עטליכע מינוט געבראכן די שטילקייט.

"אממ... האט דודי זיך אנגערופן, "ארץ ישראל דארף זיין אן 'ארץ זבת חלב ודבש, א לאנד וואו ס'פליסט מילך מיט האניג', אבער היינטיגע צייטן איז פשוט'ע מילך מיט האניג שוין נישט אזוי אינטערעסאנט. איך שטעל מיך פאר אז ווען משיח וועט קומען און אלע אידן וועלן עסן נאר כשר'ס וועט גראס אייז קרים קאמפאני ארויסגעבן א ביליאן אייז קרימס אין אלע טעמים און קאלירן, ס'וועט זיין ממש א תענוג רוחני..."

״מממ... זייער אינטערעסאנט, אבער דו קלערסט אז דאס איז אויף וואס מיר ווארטן אזוי שטארק אז משיח זאל שוין קומען? אייז קרים?!״ האט רבי מייזעלס איבערגעפרעגט דודי.

״נישט עכט, נישט אלע מענטשן האבן ליב אייז קרים, אנדערע האבן ליב יאגורט און פאר די וואס פארשטייען צו פליישיגס וועט זיין אלע סארטן פליישן און סטעיקן. נישט נאר דאס, נאר אלע רעסטוראנטן וועלן זיין גלאט כשר מיט די בעסטע השגחות; חלב ישראל, ישן, פת ישראל, כשר למהדרין מיט אלע הידורים. און אלע טייערע רעסטוראנטן און בעקערייען וועלן זיין געגוג ביליג אז יעדער זאל זיך עס קענען ערלויבן. מער וועט מען נישט דארפן פארביי גיין א רעסטוראנט און בלויז אריינאטעמען די פיינע גערוך. מען וועט קענען אריינגיין און זיך זעצן צו א פעטע מאלצייט.״

אויך די אנדערע קינדער האבן געשלינגען די פליסיגקייט אין מויל ווען דודי האט אראפגעלייגט מיט אפעטיט די אלע דיליקאטעסן.

״אוי ניין קינדער טייערע, נישט דאס האב איך געמיינט, ״האט רבי מייזעלס אפגעשטעלט די קינדער׳ס דמיונות פון ווייטער פליסן, ״נישט פאר דעם האבן די פריערדיגע צדיקים אזוי שטארק געווארט און געהאפט אויף משיח׳ס טאג. ניטאמאל האבן זיי געטראכט פון ארץ חלב ודבש ווען זיי האבן אויסגעגאסן זייער הארץ מיט געוויין און טרערן אז משיח זאל שוין קומען.

דער רמב״ם ברענגט אז די סיבה פארוואס די חכמים האבן אזוי געוואלט אז משיח זאל קומען איז ווייל דעמאלט וועט מען שוין נישט זיין אין גלות ביי די גוים און מען וועט קענען זיין פריי צו לערנען תורה בייטאג און ביינאכט.

ווען משיח וועט קומען וועט מען זיך נישט דארפן זארגן פאר פרנסה. מען וועט קענען לערנען אומגעשטערט, אן די אלע אדווערטייזמענט פון די גאס, וואס צעמישן אונזער קאפ. מען וועט נישט זיין ׳ביזי׳ מיט פאליטיק און וואלן ווייל מיר וועלן האבן א צדיק, משיח בן דוד, וואס ער וועט זיין אונזער קעניג. און ער וועט מאכן זיכער אז מיר זענען עוסק אין תורה און מיר וואקסן תלמידי חכמים.

״שטעל זיך פאר,״ האט רבי מייזעלס ווייטער פארגעשטעלט פאר די קינדער ווי ס׳וועט אויסקוקן לעתיד לבא, ״אנשטאט ׳גראס כשר׳ע אייז קרים׳, וועט זיין ׳גראס בלעטער גמרא׳. אנשטאט אייז קרים מיט 800 טעמים וועט זיין גמרא׳ס מיט 800 מפרשים! טראכט אריין, אנשטאט צו שטיין אין די לאנגע רייע צו פארזוכן די נייע אייז קרים וועט מען זיך שטעלן אין די רייע ביים ספרים געשעפט צו קויפן די לעצטע דרוק. מען וועט לויפן זיך אנפילן מיט מער און מער תורה.״

די קינדער האבן צוגעשאקלט מיטן קאפ פרובירנדיג זיך פארצושטעלן די לעכטיגע טעג אויף וואס זיי קענען שוין קוים ווארטן. נאר איין שאלה האבן זיי נאך געהאט, ״וועט טאקע מער נישט זיין קיין אייז קרים?״




״אייז קרים וועט זיין,״ האט רבי מייזעלס באשטעטיגט, ״אבער גלייבט מיר, ס׳וועט נישט זיין אזוי וויכטיג ווי היינט. יעצט האבן מיר די גויש׳יע וועלט וואס ברענגט ארויס די אלע תאוות מיט די שענסטע קאלירן און לעמפעלעך. זיי רייצן אונז אן מיט הויכע טורעמדיגע אייז קרים און אינטערעסאנטע שפילערייען. אבער ווען משיח וועט קומען וועט זיך דאס אלעס אפשטעלן. מער וועלן די גוים נישט האבן א רעכט אונז צו צעמישן. אונזער קאפ וועט זיין קלאר צו הערן נאר דברי תורה בייטאג און ביינאכט.

אנשטאט די אלע נארישע זאכן פון דער דרויסענדיגע וועלט וועלן ענק הערן ריינע דברי תורה, א פסוק חומש, א משנה, א גמרא, און אוי וועט דאס זיין זיס! זיסער ווי די געשמאקטסטע אייז קרים אויף דער וועלט.״

״אוהא, האט דודי אויסגערופן איבעראשט, ״בעסער ווי אייז קרים? איך קען שוין קוים ווארטן אז משיח זאל שוין קומען. איך מיין אז בלי נדר וועל איך אויפהערן צו קוקן אויף די אלע נארישע אדווערטייזמענטס וואס פארדרייען אונז דעם קאפ און אנשטאט דעם וועל איך זיך זעצן לערנען אז די זיסע טעם פון תורה זאל אנהייבן אריינגיין און מיר. איך וויל שפירן די געשמאק פון תורה לערנען!

א גוט שבת!

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה״ג ר׳ משה בערגמאן שליט״א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**